שבת (א חלול השם, נאר וואס קען מען טאן?)

ליבער אברהם-כאסקל:

איך האב עפעס ניט קיין מזל מיט מיינע בריוו צו דיר. מיט א היפשע
פאָר חדשים צוריק האב איך דיר געשריבן אן אויספירלעכן בריוו ווו כ'האב
זיך אָפּגערופן אויף דיין "קאמפאזיציע". איך האב דיר אויפגעקלערט דאס
וואס ס'איז מיר געווען פארשטענדלעך און דאס וואס כ'האב בשום אופן ניט
געקענט באנעמען. איצט ווייזט זיך ארויס אז דער בריוו איז פאַרפאַלן
געווארן ווייל דו פרעגסט מיר מיין מיינונג וועגן דער ארבעט. ווייל איך
אבער ניט שרייבן א צווייט מאל וועגן דער זעלבער זאך (מיין ציל איין
לעבן איז צו שפאנען ווייטער און כסדר זוכן נייע האָריזאנטן). ביסט אבער
גערעכט אז איך קום דיר צוויי בריוו. דערפאר וועל איך זיך באמיען אריינ-
פאקן אין איינעם די געפילן און הארציקע איבערלעבונגען פון צוויי. יא,
און נאך א זאך: די צוויי זשורנאלעכלעך שטעלן מיט זיך ניט גאר מיין מתנה צו
דיר אויף דיין צוואנציקסטן געבוירן-טאג. מיר איז א וואונדער וואס דו
האסט די מתנה נאך ניט באקומען. איך בעט דיר נאר דו זאלסט ווארטן גע-
דולדיק ביז וואנעט אין איין העלן טאג, [redacted] דער פריינדלעכער פּאָסט-
טרעגער וועט אים ברענגען. איך פארזיכער דיר אז איך דעם בוך וועסטו ניט
געפינען קיין לידער וואס וואלטן "בעסער פארבליבן פאַרבאַהאַלטן."

כאטש איך היט זיך פון שרייבן דיר וועגן פאליטיק (איך האב א חשד
אז אויף דער פראגע פון ישראל זעען מיר ניט אויג אויף אויג) מוז איך דא
מאכן אן אויסנאם און זיך אָפּרופן אויף די טרויעריקע פארלויפענישן פון
דער וואך. פון דער ווייטנס זעט אויס די אטאקע צו זיין א ווילדקייט.
איך קען די אקציע ניט בארעכטיקן און אפילו אזא הייסער נאציאָנאליסט ווי
לייב ראכמאן איז פול מיט ספקות לגבי דעם. מיר ארט ניט וואס די וועלט
וועט זאגן. די וועלט איז סתם א צביעותדיקע באשעפעניש. זי פארשוויַיגט
דעם מאָרד פון הונדערטער טויזנטער קאמוניסטן און פלומרשטע קאמוניסטן
אין אינדאָנעזיע און שרייט גוואלד וועגן אן אקציע קעגן עטלעכע הונדערט
מערדערישע טעראָריסטן. נאר מילא, דאס בין איך מוחל. אין דעם פאל גייט
מיר אָן וואס 21 ישראלדיקע זעלנער זענען אומגעקומען און עטלעכע צענדליגג
פאַרוווּנדעטע געווארן און צוליב וואס? צוליב 150 "אל-פתח"-לייט? צו בא-
וויַיזן אז צה"ל (די ישראל-ארמיי) האט נאך ניט פארלאָרן זיַין קראפט? דער
אמת איז אז זי האט גאנץ פיַינלעך פארשפילט, און טאקע מיליטעריש. נאר
וועגן דעם רעדט מען דא ניט. לאזט זיך אבער אויס אז די ארמיי האט אנטדעקט
א לאגער צו טרענירן קנאפע טויזנט טעראריסטן ווי אויך מאגאזינען מיט
טויזנטער קליינטשינקע מינען. אזעלכע מינען למשל וואס האבן די וואך אויפ-
געריסן אן אויטאבוס פול מיט תלמידים פון א תל-אביבער גימנאזיע. וויפל
איז דער שיעור? אזעלכע סאבאטאזש-אקציעס קומען פאר עטלעכע מאל אין וואך.
און דער היליקער אמת איז אז די אראבער פארשטייען ניט קיין אנדער לשון
אויסער מאכט. רייסט מען אויף ביי זיי א היַיזקע. פארמישפּאַט מען אויף
אייבעקער תפיסה עטלעכע געכאפטע טעראריסטן. העלפט דאס ניט, אטאקירט מען
זיי. דאס איז די טראגישע לאגיק פון די לעצטע געשעענישן. דער אמעריקאנער
יידישער הומאניסט טייטלט מיטן פינגער: פע! א מיליטאַריסטיש פאלק. נאר
וואס פארשטייט ער ניט, אז הומאניזם איז א לוקסוס וואס ניט יעדער קען
זיך איר פארגינען. פאר וואס זאל יעדער ייד אין ישראל ניט קענען שטאל-
צירן מיט זיין הומאניזם? ער פילט אפילו שטארקער פאר אנדערע דעם מוּאדיקן
פריַיז פון דיקטאַטור און ראסן-שנאה. נאר מע לאזט אים ניט זיין א הומא-
ניסט. זיינע זיך פאלן טאג-טעגלעך אויפן פראנט. ער שרייט צוזאמען מיט
לייב ראכמאן: איך בין געקומען אהער צו לעבן און ניט צו שטארבן! אפשר רעד
איך צו עמאציאנעל? מסתמא דערפאר ווייל די פראבלעם פון לעבן און טויט
איז אן עמאציאנעלע...

לאמיר איצט רעדן וועגן פרייַלעכערע זאכן. וועגן לוסטיקע ליבעס
וואס קומען ניט פאָר און וועגן גוואגטע חלומות וואס ווערן ניט פאר-
ווירקלעכט. צי דארף א [redacted] מענטש ווערן א ליטעראטור-פארשער ווען ער ווייסט
אז דאס אליין וועט אים ניט באַפרידיקן? ווען ער זעט וואס פאר א פנים
עס האבן אנדערע ליטעראטור-פארשער וואס דארפן אים לערנען. ווען ער זעט
ווי זייטיק דער גאנצער עניך [redacted] איז ביַי היינטיקן טאג. צו
וואס? צו לערנען אנדערע? און דערנאך? ווער נייטיקט זיך אין דעם?

איך קען איצט פריי לייענען אַ העברעיש בוך. וועגן רעדן מוז איך נאך זארגן. מיט א וואך צוריק האב איך אנגעהויבן א וויכוח מיטן ביבליאטעקאר וואס האט מיר ניט געוואלט ארויסגעבן א געוויסן בוך. איך האב אנגעהויבן זיך ווערטלען מיט אים סתם ווייל ס'איז מיר געפעלן ווי איך רעד אזוי פליסיק. צען מינוט האב איך אים פאַרהאַלטן מיט מיינע טענות (אלע גראמאטישע און גוט אויסגערעדטע). סוף-כל-סוף בין איך אוועק אָן דעם בוך. מילא, רעדן מיט א ביבליאטעקאר איז ניט קיין גרויסער קונץ. דער אמתער פרווו איז צו פירן א שמועס מיט א בלאנדער סאברע וואס האט ארויסגעוויזן אינטערעס אין מיר. איך זיך אַנטקעגנאיבער איר ביי איר אין צימער מיט א פיינלעכן בליק אויפן פנים. זיי מיינט מסתמא אז דאס קומט פון מיינע אינעווייניקסטע גייסטיקע ראנגלעניש. זי ווייסט ניט אז מיין לײדן שטאמט דערפון וואס איך קען ניט אויסדריקן דאס וואס איך וויל איר זאגן. עס פעלט מיר וואקאבולאר און דער עיקר – ווערבן. פון דעסטוועגן פילט זי מיר מיט, ווייל זי האט פארברענגט צוועלף יאר אין ווענעזועלא און האט געהאט די אייגענע שפראכיקע צרות וואס איך ביים אומקערן זיך קיין ישראל מיט צוויי יאר צוריק. איך פיל זיך ניט זיכער מיט איר.

היסטאירשע פארלויפעניש. יעדער ייִדישער יום-טוב ווערט הייַיאר פארוואנדלט אין א באזונדערער שימחה. שימחת-תורה ביים כותל-מערבי האט א ספעציעלן באטייט. פורים אין תל-אביב איז ממש אן איבערלעבונג. און איצט קומט פסח און איך וועל זיין אין מידבר סיני. איך זאג דיר אברהם, מע מוז אפלעבן קנאפע צוויי טויזנט יאר צו פארדינען אזא זכיה. יעדע קליינקייט ווערט פארגרעסערט אין אן היסטארישן אקט. פארן ערשטן מאָל פליען עראָפּלאנען איבער ירושלים (לעצטנס פירן זיי פארווּנדעטע פון פראנט). ייִדן דאווענען ווידער אין די קלייזלעך אין דער ייִדישער געגנט פון דער אלטער שטאט וואס דער רמב"ן האט געשאפן מיט 700 יאָר צוריק. אויף מצדה האט מען אויסגעבויט צוריק הורדוסעס פאלאץ פון צוויי טויזנט יאר. אפילו די מאַלעריַיען אויף דער וואנט זענען טיילווייַז פארבליבן! א שניישטורעם אין ירושלים. און נאך און נאך און נאך. וואס זאל איך דיר זאגן? קיין גן-עדן איז עס ניט, נאר פאר א ייִד איז ניטא קיין בעסערע ארט. ערשט איצט זענען ייִדן אין גלות. פאר 1948 האבן זיי ניט געהאט קיין ברירה האבן זיי זיך געמוזט באנוגענען מיט דער פרעמד. איך האב דיר צוגעזאגט ניט צו ווערן קיין ציוניסט און איך וועל האלטן ווארט. נאר פון דער צווייטער זייט ווער איך נאך א הייסערער נאציאנאליסט. צו ביסלעך ווארף איך אראפ דאס ביסל קאסמאפאליטישקייט וואס כ'האב פארמאגט. די וועלט גייט מיר אָן אויף אזוי ווייט ווי זי האט א שייכות צו אונדז. איך זע שוין ווי דו פארקרימסט זיך דאס פנים. אבער אזוי ווי דו זיצט זיך זייער ווייט אַרט עס מיר ניט. אַרן ווען עס מיר וועלן זיצן (אם ירצה השם) פנים-אל-פנים און מיר וועלן זיך איינער דעם אנדערן ניט פארשטיין. נאר אויף אזוי ווייט האב איך זיך ניט געענדערט.

ביי קולבאקן אין זיין וווּנדערלעכן סאטירישן ראמאן זעלמעניאנער איז פאראן א געשטאלט וואס הייסט צאלקע דעם פעטער איטשעס. ער זיצט גאנצע טעג און פארשט די שפראך פון דער צאינה וראינה און שרייבט אָן אָן אויספירלעכע ארבעט וועגן דער סאציאלאגיע פון זיין משפחה. נעבעך א טראגישער פיגור. ער פארליבט זיך אין טאַלקע וואס פארט אוועק קיין וולאדיוואָסטאָק, ווערט א קאמוניסטישע פירערין און ברענגט אהיים א ממזר. דער סוף איז וואס ער נעמט זיך דאס לעבן. ניט גענוג שטארק געווען אויסצוהאלטן די נייע באדינגונגען. אויך איך זיץ גאנצע טעג און פארש דעם צו"ר, ווי אויך די ייִדישע מוסר-ליטעראטור פון 17טן י"ה, די מעשיות-ליטעראטור פונעם 18טן י"ה און די חסידישע ליטעראטור פונעם 19טן י"ה. דער לימוד געפעלט מיר זייער ווייל דאס איז אזא געביט וווּ מע קען זיך אויסלערנען אלץ אויב מע ווידמעט זיך דער זאך. די אלט-ייִדישע ליטעראטור איז א וועלט פאר זיך כאטש אן ארעמע וועלט אין כמות. נעבעך צאלקע, איך האב גרויס סימפאטיע פאר אים. קולבאקס פארטרעט הענגט ביי מיר צו קאפנס. אויך זיין גורל האט זיך אויסגעלאזט טראגיש.

איך בין לעצטנס זייער פארטאן אין טראגישער טעמאטיק. איך ווייס ניט וואס עס טרייבט מיר דערצו, נאר ווו איך גיי פירט דער וועג צום לעצטן חורבן. כ'בין פארטאן אין די חלומות פון נאכט און ניט פון טאג. איך האב געדארפט שרייבן אן ארטיקל פארן נאענסטן נומער <u>י"ר</u> האב איך געשריבן וועגן דעם, און פאַר דעם, אַן ארטיקל אויף ענגליש אויף דער זעלבער טעמע. די וואך וועט ארויסקומען לייב ראכמאנס ראמאן <u>מיט בלינדע טריט איבער דער ערד</u> וועגן דער שארית הפליטה. א בוך פון קנאפע 600 זייטן פול מיט סורעאליסטישע פארלויפעניש. איך וועל באשטעלן פאר דיר אן עקזעמפלאר ווייל איך האלט דאס פארן וויכטיקסטן יידישן בוך פאר די לעצטע צען יאר. איך האב שוין א טייל איבערגעלייענט ווייל כ'האב אים געהאלפן מיט דער קארעקטור. אומפארגעטלעכע סצענעס און געשטאלטן. גרויזאמע עראטיק. א בוך וואס איז מער ווי א בוך. שוין 15 יאר וואס ראכמאן האט אים געשריבן.

איך בין שטארק פאראינטערעסירט אין דעם ענין פאָרמאליזם. דאס האט א דירעקטן שייכות מיט מיין קורס וועגן דער יידיש-סאוועטישער ליטעראטור. איך קען דיר פאַרלייגן א בוך אויף ענגליש פון וויקטאר ערליך (טאקע פון די בונדיסטישע ערליכס) מיטן נאמען <u>רוסישער פארמאליזם</u>, האלאנד 1955. איך האב דאס בוך ניט געלייענט, נאר ער געפינט זיך אויף מיין ביבליאגראפיע.

טו מיר א טובה, שיק ארייַן דיינע לידער צו דער רעדאקציע. מע זאמלט שוין מאטעריאל זינט יאנואר און מע קען ניט אָנפילן דעם נומער. שיק זיי וואס מער, ספעציעל דיין מאָנאָלאָג פון ~~[illegible]~~ [illegible]. אגב, רחמיאל האט אנגעשריבן גאר א וואזשנע דערציילונג. דאס הייסט דער סיפור המעשה איז זייער אלטמאָדיש און טרוקן, נאר די שפראך גלאנצט מיט א זעלטענער פרישקייט. ניטא קיין ספק אז ער קען יידיש פיל מאל בעסער פאר אונדז. איך בין טאקע צופרידן וואס ער האט אויסגעניצט זיין טאלאנט אויף פאזיטיווע צוועקן. איך דארף דיר ניט זאגן ווי צעדרייט ער איז. איך האב דעם חשד אז די ניו-יארקער חברה זענען אויפגעבראכט אויף מיר. דער אמת איז וואס כ'האב זיי אנגעמאכט א ביסל צרות און איך לאז זיי ניט צו רו. דערצו האב איך ניט דורכגעפירט אלע מיינע צוזאגן. נו, קלאפן על חטא וועל איך ערשט אין סעפטעמבער.

רפי און מאשינקע האבן חתונה סוף אויגוסט. איך וועל זיין צוריק אינעם גאלדענעם לאנד אין מיטן חודש. דער אמת איז וואס איך קוק שוין ארויס אויף דעם, ווייל דער אוניווערסיטעט דא געפעלט מיר ניט שטארק. זייער פראגראם פאר ניט-גראדוירטע איז זייער כאָטיש און איבערגעטריבן. דאס שטאמט דערפון וואס פון 1925 ביז 1952 האבן זיי ארויסגעגעבן בלויז דאקטוראטן און מאגיסטערן. מיין לערנען איז צעפלאסן און ניט-ארגאניזירט. א סך ארבעט טו איך סתם פון הנאה וועגן. איך מוז זיך לערנען רוסיש. איך פויל ~~זז~~ זיך, נאר איך מוז.

אבער איצט רעד איך שוין סתם אין דער וועלט ארייַן, אן א ציל און אן א ווענדונג. אַ מענטש מוז האבן א ציל אין לעבן, אניט שווימט ער ארום ווי אויף א שיכורער שיף. און עס וועט קומען די טונקעלע האנט און וועט אים אפווישן פון דער ערד.

אז מאנגער וועט שטארבן וועט אוועקגיין איינער פון אונדזערע קלאסיקערס. ניטא זיין גלייכן אויף דער וועלט. נאר משוגעים קלייבן זיך אויס צו זיין יידישע שרייבערס. און משוגעים פארשפארט מען אין שפיטעלער און סאנאטאריעס, אדער גאר אין קאנצענטראציע-לאגערן...

דיין אייביקער פריינד,

דוד-הירש